# שיקאגא

"CHICAGO"

ליטעראַרישער חדש זשורנאַל

LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

יולי - אויגוסט

1935

MEYER ZOLOTAREFF
EDITOR and PUBLISHER

פּרייז
20 סענט

א געזונטן, גליקלאכן יאהר ווינשן מיר אונ־
זערע אונצעהליגע קאסטימער און אלע אידן

**אונזערע גוטע געשמאַקע דעליקאטעסען זיי־
נען כשר בתכלית הכשרות בהכשר הרב
הגאון ר׳ דובער סווירסקי**

לענסקי בראָדערס

**3402 וועסט 16טע סטריט**

---

**WEST SIDE BUS DEPOT**

**Information and Tickets On All Lines**

Chartered Buses for All Occasions

Special Excursion Tickets to All Points

**6½ N. Dearborn** **3202 W. Roosevelt Rd.**

W. Wieselman, Mgr. Chicago, Ill.

---

די וויטנבערג „איטמאָר מצות„
זיינען וועלט באַרימט
פאר זייער געשמאַקן טעם

THE WITTENBERG MATZOH CO.

**Bakers of**

The Famous Eatmore Matzoh

**Estab. 1885**

**1326 S. JEFFERSON ST.**

**Canal 0090** **Chicago, Ill.**

---

אין פארלאַג ל. מ. שטיין איז דערשינען

דער ליעווער רבי

מיכל דאווידזאָן

היסטאָרישע דראמע אין פיר אקטן

פרייז איין דאָלער און פופציק סענט

---

**R E V E R E N C E**

Those we have served in the past attest our service as something beyond commercial bounds. A bond of friendly and sympathetic reverence exists always.

Pomp and circumstance have no place in our services. Only dignified, helpful aid, with a deep respect, is offered.

SAM PISER, Founder

**PISER UNDERTAKERS COMPANY**

**3125-27 Roosevelt Road**

**Lawndale 4920-1-2**

**PISER'S BROADWAY, Inc.**

**5206 Broadway** **Longbeach 4740-1-2**

Max E. Yaffe Chas. E. Kaye

Sol Pizer Milton H. Yaffe

---

אין דער נאָענטסטער צייט דערשיינט אין
פארלאַג מ. צעשינסקי א ניי בוך פון

**מ. גיציס**

**„די זון אין מזרח״**

---

פארבליבן א קליינע צאָל ביכער

**„נאָוועלן״**

פרייז פון יעדן בוך באַזונדער 1 דאָל., ביידע ביכער
צוזאמען 1 דאָל. מיט 50ס.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

**M. GITZIS**

**6301 Grand Ave.** **Chicago, Ill.**

---

**אין פארלאַג צעשינסקי**

וועט אינגיכן דערשיינען א בוך לידער פון מ. טקאַטש
אונטער דעם נאָמען „זון איבער אלץ״

דאס איז דאס דריטע בוך וואס דער דיכטער פאר־
עפנטלאכט. זיינע ערשטע ווערק זיינען ווארים אויפ־
גענומען געוואָרן פון דער קריטיק.

---

לשנה טובה תכתבו

Greetings of the Season

# R. & K. Restaurant

3216 W. ROOSEVELT ROAD

Zuckey, Manager

---

חלילה אין טויטנפאַל טעלעפאָנירט:

די אינדעפענדענט אידישע
אנדערטייקערס

טעל. לאונדייל 0510. ראקוועל 9017.

און איר זייט פארזיכערט דאס איר וועט באהאנדעלט
ווערן מיט דרך ארץ און פאראנטוואָרטונג.

**INDEPENDENT JEWISH UNDERTAKERS**

**3103 OGDEN AVENUE**

Louis Albert, Pres. Robert Albert, Vice-Pres.

Henry Messro, Treasurer

# "CHICAGO"

## A LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

VOL. 6 JULY-AUGUST 1935 No. 42


## אין דעם נומער

לייט ארטיקלען


יוסף טראַכטנבערג — — — קצבים — — — — — — — — — — (פאָעמע)

ב. ריווקין — — — — — וואו איז דער אויסוועג פאר לוצקיין ? — — (קריטיק)

אלטער עסעלין — — — — לידער פון א בוכווארם צו גאָט — — —— (לידער)

ש. ד. זינגער — — — — די טראגישע מאַרטירער געשטאַלט
וואן דע ליובע — — — — — — — — (איבערבליק)

דר. א. אייסען — — — — פון דער ענגלישער פאָעזיע — — — — — (לידער)

זלמן זילבערצווייג — — — מענדעלע מוכר ספרים און דאָס אידישע
טעאָטער — — — — — — — — — (ארטיקל)

יעקב גלאַנץ — — — — — פאָעטן אין פורפורנעם שיין — — — — — (לידער)

יהודה גערטלער — — — — מיט וואס קומט רוזוועלט צו די ווילער ? — (ארטיקל)

מינא ראַבינאָוויטש־באָרדאָ — נאָכט — — — — — — — — — — — (ליד)

משה פריד — — — — — — ווער האָט געווינט ? — — — — — — — (דערציילונג)

מ. טקאַטש — — — — — — — — — — — — — — — — — — (לידער)

אליהו שולמאַן — — — — דארפן זיך אידישע שרייבער שטופן אין
פרעמדע ליטעראטורן —— —— — — (ארטיקל)

ל. קוסמאַן — — — — — — אין די שאטנס — — — — — — — — — (ליד)

י. ראַפּאַפּאָרט — — — — ,,די הויז אויפן באַרגיי
שטייט ניט אזוי הויך — — — — (קריטיק)

א. נאירמאַן — — — — — רבקה גאַלין — — — — — — — — — (נעקראלאג)

דוד בעקער — — — — — וויליאַם שווארץ — — — — (צו זיין אויסשטעלונג)

י. ראַשעל — — — — — ווענן מאַלער־סקולפּטאָר קאָראַלי פּולאָפּ (איבערבליק)

ב. ראָזענבוים — — — — באַלעבאָטישער אָדער פּראָלעטאַרישער טעאָטער ?

א. ה. שקאָלניק — — — — — — — — — — — — — — — — — (אפאָריזמען)


נאָטיצן — ביכער אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע


Editor and Publisher: Meyer Zolotareff

1133 S. Homan Ave., Van Buren 3296


SUBSCRIPTION RATES

| | |
|---|---|
| Single Copies . . . . . . . | 20c |
| One Year . . . . . . . . | $2.50 |
| One Year Foreign . . . . . . . | $3.00 |

סובסקריפשאָן פרייז

| | |
|---|---|
| איינצעלנע קאָפּיס . . . . . . . | 20ס. |
| אַ יאר . . . . . . . . . . | $2.50 |
| קאַנאַדע און אויסלאַנד . . . . . . | $3.00 |


576 Fireside Printing Co., 812 W. Van Buren St. Haymarket 5800

ב. ריווקין

# וואו איז דער אויסוועג פאר לוצקין ?

(און וועגן דעם אוצר, וואס איז צו געפינען אינמיטן ,,בראשית אינמיטן”)

(צווייטער ארטיקל)

מע דארף נית אורטיילן וועגן לוצקיס ,,בראשית אינמיטן” לויט די זיבן אריינפירן, וואו די פרעטענזיע איז, אז ער גיט די תורה נאכאמאל. ער קלעטערט צו זיין בארג סיני אויף די הערעלעך פון ווערטער, און זיין בארג סיני מיט זיין תורה צוזאמען גייען פארלארן אין א האר־געוועבס. דארט וואו ער קלעטערט אראפ פון ווערטער אף זאכן, איז דער אלטער פרישער לעבעדיקער לוצקי ווידער מיט אונז, און ער שפילט מעשה־פאנטאזיע אויף זאכלעכקייטן.

אם גליקלעכסטן האבן אפגעשניטן די צוויי מיטלסטע סדרה'ס: — ,,קאמף אין דער טויטער וועלט” און ,,קאמף בא די לעבעדיקע מינים” — ווייל גלייך פון אנהויב האבן זיי צו טאן מיט קאנקרעטע זאכן — סיי טויטע, סיי לעבעדיקע זאכן, פאר לוצקין איז דאס אלץ איינס. אפילו די נעמען פון די סדרה'ס זיינען זאכלעכע, און לוצקי דארף זיך נית מאטערן אויסצוקליגלען ,,גע־היימנישן” — ,,געהיימען אין דער וועלט”.

אין די אריינפירן צו די צוויי סדרה'ס פרובט אפילו לוצקי ווי עס איז צוקלעפן זיי צום ,,וועלט־סיסטעם” פון ,,בראשית אינמיטן” —

,,אומעטום איז דא דער קאמף פון גרויס און קליין. אלעמאל וועט זיין מלחמה פון אינאייגעם און אליין. פונם ווילן און פארשטיין. פון נשמה און געביין. פאר דער שרעק פון אונטערגיין” — דער אריינפיר צו דער ערשטער סדרה ,,קאמף אין דער טויטער וועלט”; און א בליציקערער אריינפיר צו דער צווייטער סדרה: — ,,קאמף בא די לעבעדיקע מינים” — בליציקער, ווייל עס האט צו טאן נית מיט הארטע שפענער פון אידייען, נאר מיט שארפע שפליטערס פון איינדרוקן.

..באשאף איז איבערראש. — אנטפלעק. יעדער באשאף איז שרעק. אפילו איבערראש פון פרייד — איז מורא. יעדער ווערן — ווערט געבארן מיט א מורא. מיט דער מורא, וואס האט אויפגערודערט בראשית” —

און אפילו ווען די צוויי אריינפירן פרובן אויפהייגען די סדרה'ס אויף די הוקן פון מעשי בראשית, אבער די קאנקרעטע זאכן זיינען צו נאענט בא דער האנט, זיי זאלן קאליע ווערן דורך דעם באריר מיט די אבסטראקציעס. די זאכלעכקייט איז אומעטום גובר אפילו וואו לוצקי גנבעט זיך מיט אן אידייע. אפילו די פסוקים־אפאריזמען, מיט וועלכע סדרה'ס זעוויינלעך הויבן זיך בא אים אן, — די אבסטראקציע־פעדים, אויף וועלכע די סדרה'ס זיינען אנגעצויגן — זיינען זאפטיק־זאכלעך:

,,אין בוים־פארבויג איז דא פארנויג צו ערד” — ,,אין בארג־באנעם איז דא פארנעם צום הימל” — ,,אין יעדן ווארף אוועק איז דא געשריי: וויי. אין יעדן בראך איז דא דער קראך: אך!” — ,,א פייערדיקער פאפיראס אין וואסער שרייט אוים זיין לעצטן אויסגעשריי־געבעם פארן טויט: אוי!”

עס איז א גרויסער ספק צי דא איז פאראן א סך מעשי־בראשיתדיקער ,,קאמף”; זיכער איז דא א שטיק נשמה ארויסגעקוועטשט פון א לעבעדיקן איינדרוק לשם ,,אידייע”; אבער דער אפקלאנג פון לעבעדיקן איינדרוק הערט זיך נאך דייטלעך; און אזוי ניך לוצקי פארגעסט צו ,,אידייאיזירן”, קריגן די זאכן די אויבערהאנט, און עס באקומען זיך לידער, אין וועלכע לוצקי לאזט זיך וואוילגיין אויפן אלטן לוצקי־שטייגער. און מערערע פון זיי דוקא מיט בולט'ע מעשי־בראשית־סימנים, אויפגעשפילטע, דראמאטיזירטע —

,,א שטויב בעט א שטורם, ער זאל אים דערהויבן, ער זאל אים דערלויבן צו ווערן זיין קינד” — ,,ווינטן אן אומרואיקע ראסע. א פאלק פון נאלע אימפעט. רוען הייטס בא זיי געשטארבן” — אהער קומען אויך אריין דער אויבן ציטירטער ,,דונער”, און בליצן, פייערן, וואסערן.. . .

,,בליץ—צוקט. צוק—ציינט: אינמיטן נאכט צעציגד איך וואלד. אינמיטן טאג דערשרעק איך וועלט”.

,,א רעגן רעדט—און רעדט—און רעדט—די קלוגע רייד פון אלעמאלן”.

,,פייער—שרייענדיקער סוד. פייער פלאקערט מיט אן אויפגעהעלט־געהיים. פייער ליארעמט מיטן עכא פון די הימלען. לויטער שרעק. ליכטיקע געפאר. צאפלדיקער שטאר”.

,,שטייעדיקע וואסערן.— תמיד־דא. — תמיד־דו.— תמיד־אומעט. — תמיד־שימל. — תמיד־דרימל”.

די געפאר איז דא — א ליכטיקע געפאר — די גליקלעכסטע געפאר — די לידער זאלן אין גאנצן זיך פארגעסן, אז זיי געהערן צום ,,וועלט־סיסטעם” פון ,,בראשית אינמיטן” — און לוצקי זאל זיך צעטאנצן מיט ווארט־פאנטאזיע אויף א זאך, ווי קיינמאל ,,בראשית אינמיטן”. וואס מיר, ווער מיר מעשי־בראשית־סימנים — ווער דארף זיי אין גאנצן! — מען שפילט אוים א דראמעלע־פאנטאזיעלע אויף א בינעלע־זאכעלע, פאר דער אונטערהאלטונג פון עולם, אין פולער זארגלאזיקייט — ווי אין די גוטע אלטע צייטן. — צוויי פייער־לידער:

,,א ברייטער פייער שפרייט די הענט צערייצט — ער

ווייל די גאנצע הויז פאר זיך אליין".—און „דריי באגייסטערטע פלאמען שפאנען אויפן דאך צו א וואלד" —

די צוויי „פייערן" וואלטן געקאנט פארנעמען דעם סאמע אויבנאן אין „אומעטיק און פריילעך" — אין סאמע שכנות מיט די טעפ, וואס קאכן בעבלעך.

נאך מער אזעלכע זארגלאזע פאנטאזיע־שפילן — אומעטיק־פריילעכע שעדעווערן — וואונדערקינד־לידער פאר דערוואקסענע אידן מיט בערד — געפינען מיר אין דער סדרה „קאמף בא די לעבעדיקע מינים". — וואס פאר א קאמף איז דארטן, ווייס איין גאט און לוצקי — אבער אז מען קאן א קינסטלערישן מאריאנעטן־טעאטער אויפהאלטן אויף זיי — דאס איז בא מיר קיין פראגע ניט.

די סעריע „פליגן": — א פליג איז קלוג" —

„דאס קלענסטע פליגעלע איז ראפינירט, עלעגאנט, קלוג און איידל".

„א פליגעלע ברויזט אין א פויסט: אוי, לאז מיך ארויס".

„די פרייד פון א פליג" און „א פליג אן עראפלאן" — און צום מזלדיקן לעצט — „א מילב שטודירט די וועלט". —

„א מילבעלע שפאצירט ארום א ברויט, און זעט זיך אן מיט ווילדערנישן, ווי ארומגערייזט דעם אוניווערז. פלוצים בלייבט זי שטיין. רעדט זי מוראדיק צו זיך אליין: ווייטער ניט צו גיין. שוין. ענדע וועלט. — א וואנט!"

דאס איז דער אוצר, וואס איך האב מיר צוגעזאגט גלייך פון אנהויב צו געפינען אינמיטן בוך, און וואס דערפאר טאקי לאזט זיך זאגן, אז אין „בראשית אינמיטן" איז לוצקי אינמיטן... בוך.

די פראגע איז נאר, ווי קומען די לידער אינמיטן „בראשית אינמיטן"? לוצקים גאנצע וועלט־סיסטעם איז ארויסגעפאלן פון אונטער די לידער ווי א דעק פון נעפלאצטן טאפ. סיידן מען זאל אננעמען פאר געגוג סמיכת הפרשה דאס, וואס די פויסט פאר דער פליג איז ווי פאר אונז דאס וועלט־געפענגניש און א לאבן ברויט פאר א מילב איז געגליכן צו אונזער ערד־קוגל — א זייער דינינקע סמיכת הפרשה. —

און נאך א הארבערע פראגע: ווי קומט די גאנצע סדרה — וועגן די לעבעריקע מינים — אין „בראשית אינמיטן" אריין? אפילו די ערשטע קאפיטלען, מיט די פסוקים אפאריזמען, וואס זייער פונקציע איז צו זאגן תורה, האבן קיין ברעקל בראשית ניט אין זיך:

„א לייב דערשרעקט זיך פאר א בין. — גלאצט ער אויס די אויגן צו זיין לייבעכע! איך האב מורא!"

איז דאס די „מורא, וואס האט אויפגערודערט בראשית"? — אדער האט עס א שייכות צום קאמף צווישן די צוויי מינים: לייב און בין? — מיט וואס איז דאס שטיקעלע תורה צוגעבונדן צום סיסטעם — דורך דאס ווערטעלע „מורא"? — יא. דורך דאס ווערטעלע מורא!...

דאס איז די סכנה געווען, ווען לוצקי איז צוגעקומען צו קאנקרעטע זאכן — דער „בראשית אינמיטן" איז ארויסגעפאלן פון סאמע אינמיטן. — און איך גלויב באמונה שלמה, אז די סכנה איז געווען לוצקין צום גוטן.

די צווייטע סכנה, וואס האט געלויערט אויף לוצקין און וועלכע האט זיך געמעלדעט, אזוי גיך ער איז צוגעקומען צו קאנקרעטע זאכן — שטאמט אויך ניט פון לוצקים א חסרון, נאר דוקא פון איינער פון זיינע בעסטע מעלות — פון זיין איינגעבארענעם שפראך־אינסטינקט: פון זיין שפראך־געלויפיקייט, אבער אנדערש פון דער ערשטער סכנה — אז די קאנקרעטע זאכלעכקייט וועט אויפעסן זיין מעשי בראשית, וואס דאס האט סוף כל סוף זיך אויסגעלאזן צום גוטן; איז ניט מעשי בראשית, לכל הפחות איז זיין פאנטאזיע נארטעוועט געווארן — אנדערש פון דער ערשטער סכנה, האט די צווייטע סכנה זיך אויסגעלאזן לוצקין צום שאדן; זיין שפראך־בריה'שאפט האט אויפגעגעסן זיין פאנטאזיע. זי האט זייער שטארק ארויסגעהאלפן לוצקין פערזענלעך, אבער ארויסגעהאלפן צום שלעכטן און צום ערגערן.

און דאס איז געווען די צווייטע סכנה.

דארט וואו ער איז צו קורץ געקומען אין כוח — ער האט ניט געקאנט אויפהויבן פון די זאכן דעם דערשפירטן איינדרוק פון וועלט ־ רעטעניש; און אן אנדער פאעט וואלט געפאלן פון די פיס און וואלט אונז געגעבן געפאלענע פאעזיע, אומלעזבארע ווארט־קריבעריי; ווערטער־פלעכטלעך, וואס פויזן אויפן בויך; דארט הויבט זיך לוצקי אויף מעשה העלד־שפראך־מייסטער, צעקוועטשט און פארפלאכט דאס רעטעניש ביז צו אן אידייע, און צעווינגט און צעטאנצט און צעהוליעט די פלאכקייט, וואס ער רופט „אידייע", מיט ווארטשפילעריי.

עס האט זיך ניט געפאדערט פון לוצקין, ער זאל אומעטום אויסשפילן וועלט־רעטעניש; ער זאל באמת אנטדעקן און אנטפלעקן סוד פון באשאף: עס האט זיך פארלאנגט פון אים דאס, וואס ער קאן געבן אויף א בילדלעך אמוזירנדיקן אופן: שפילט אויף צו־כלומרשט. אויף צו־פלייסנס — עס זאל זיך דוכטן, אט מיניעט זיך און שעמערירט פאר די אויגן א רעטעניש...

עס זאל זיך דוכטן, אז עס אז דא א געהיימע פריילעכקייט הינטער אלע זאכן און געשעענישן פון דער וועלט; עמיצער זיצט אין באהעלטענישן און שמייכלט אויף אלץ און אויף אלעמען. לאזט זיך גאנץ חנעוורדיק א שפיל טאן דערויף, אויף אט דעם פריילעכן רעטעניש. וואס זשע טוט לוצקי אבער? ער נעמט דעם ווייטסטן ווידערקול פון אט דעם רעטעניש, דאס ווארט פ ר י י ל ע כ ק י י ט, וואס דאס איז שוין הוילע גארנישט, און וואס לוצקי מיינט, עס איז אן „אידייע", א וועלט־פרינציפ — און צעקלינגט דאס ווארט מיט טאצן, פויקן און טרומייטן —

דער ערגערער טייל פון די „געהיימען" און פון

די צוויי סדרה'ס „קאמפן" איז אזא צעטאנצטער און צעהוליעטער און צעקלונגענער ווערטערדיקער ווידערקול — אנשטאט און אויפן חשבון פון שפּיל־פאנטאזיע — א ווערטער־מהומה אויפן רעטענישדיקן איינדרוק.

אזוי איז דער בארימטער „וואסערפאל" — בא־רימטער, ווייל לוצקי דעקלאמירט עס אפט און מיט זעלבסטזיכערן אפלאמב. און צייטנווייז מיט נישקשהדיקן עפעקט — די לעצטע פרשה פון דער סדרה „קאמף אין דער טויטער וועלט" — איינגעטיילט אין עלף לייענגערע לידער־פסוקים.

דער „וואסערפאל" קומט ניט אין פאעטישן ווערט צו דער קירצערער פרשה פאר דעם — „שטייענדיקע וואסערן". דער דערשפּירטער איינדרוק אין די „שטייענ־דיקע וואסערן" איז: „תמיד־דא. תמיד־רו. תמיד־שימל. תמיד־דרימל" — (לוצקי דעקלאמירט עס נידעריק, מיט א צעצויגענעם אומעטיקן „בו") — ניט קיין געוואלטיקע נוזמא פון מעשי־בראשיתדיקייט איז אין דעם איינדרוק, אבער ווער דארף עס? ווער מאנט עס פון אים? דער־פאר אבער איז דער איינדרוק פונאנדערגעשפּילט:

„נאר די זשאבעס — וויסטע באבעס — פּליוד און פליוד. פליוד און פליוד"

„נאר די ראקעס — מכשפות — בלינדער בליק. קריק קאריק"

„זומפּן־בלומען — ניט צו שמעקן — נאר אויף חוזק דא צו שטעקן".

דער „וואסערפאל" האט געזאלט זיין אן אויפשפּיל אויף דער שפּירונג פון פריילעכקייט:

„א וואסערפאל איז פריילעך. — קוואלט און פאלט און האט הנאה. קוואלט און פאלט און האט הנאה" — (די צוויי ווידערהאלטע זאצן, מיט זייערע צוועלף ווערטער, זיינען אויסגעשטעלט אין צוועלף שורהלעך: א ווארט א שורהלע, — כדי עס צו דעקלאמירן מיט די אויגן: בארג אראפּ).

„פליסט און פליסט, און רוישט און ציט, און ווערט נישט אלט, און ווערט נישט מיד".

אנגענומען, אז דאס איז א גוטער אנהויב: דער איינדרוק איז אויפגעשפּילט. אבער מער קיין אויפשפּיל איז ניטא. נאר א הויבן דעם איינדרוק אויף קלינגענדיקע דרענגלעד — כדי צוצעשלאגן אין אויער דעם באגריף פון רוישיקער פריילעכקייט. —

רייסנדיק שטיקער גערויש פון די עלף לידער:

„„אט א וואקל, אט א וויקל. אט א שאקל, אט א ציקל" — א בוקל, א קוקל, א רוקל, א מרוקל, — „א געבעטל, א גערידל, א געזאנגל, א געזאגל, א גענאנגל, א געיאגל".

„ווידער צאפּל, ווידער דראפּל" — כאפּל, טאפּל, קוואפּל, פלאפּל. — וועגן ברויזן, וועגן וועלן, וועגן שרייען, וועגן קוועלן".

„וואסער, וואסער, יאג זיך ווייטער. דורך די ווייטן — א באנייטער. דורך די צייטן — א געלייטער". —

„אט איז איבער, אט איז אונטער. אט איז טיפער — נאך ארונטער. אומעטום איז אונטערגרונטער".

און פון לעצטן עלפטן ליד:

„נאך ניט אלץ איז שוין פאראיבער. ס'איז נאך מער אין געבליבער — בא צעווארפענע פארקליבער" — ביז עס פארענדיקט זיך: — „וואסער, וואסער, פליס געפלי־סער — טאנץ פארויס און זינג פארויסער".

וואס איז דאס — ניט קיין ציען ווערטער־סטענגעס? נאר ווייל ער מאכט עס קונציק, מיט ניי־אויסגעצופטע קלאנגען פון זילבן פון אלטע ווערטער, פארטראגן מיר אט דעם ווערטער־גערויש. און מעגלעך, אז אט די קונצנ־מאכעריי מיט ווערטער איז א נידעריקערע פארם פון בינע־קונסט, און דאס דעקלאמירטע ליד דערטראגט זיך צום עולם, וועלכער פארקוקט און פארהערט דאס פעלן פון געשפּילטער פאנטאזיע, וואס איז די אמת'ע און איינציקע אויסקויפערין פון ליד. אויב אזוי, וואלט מען צו יעדער קאפּיע פון „וואסערפאל" געדארפט צוגעבן לוצקין דעם דעקלאמאטאר. אבער אן לוצקין, ווען מיר האבן בלויז די קאפּיע—איז ווען לוצקי איז ניט אזא בריה מיט שפּראך, וואלט דאך געוועזן ניט אויסצוהאלטן פון אט דעם געקונציקטן געקלאפּער, וואס שטייט דא פאר ליד, און עס איז ממש ניט אויסצוהאלטן פון זיין ווארט־קונצנמאכעריי אין די אבסטראקטערע טיילן פון „בראשית אינמיטן" — אין די אריינפירן, וואו עס זיינען ניטא קיין זאכן אויף צו אימיטירן זיי מיט קלאנג און זשעסט, נאר די אימיטאציע איז מיט ווערטער נאך ווערטער.

קומט דאך אויס, אז דער ערגערער טייל פון „בראשית אינמיטן" איז צו פארדאנקען לוצקיס שפּראך־בריה'שאפט. ווארום ווען ער איז ניט אזא בריה מיט שפּראך, וואלט ער דאך קיין כוח ניט געהאט צו זינדיקן, און גוטע דריי פערטל פון „בראשית אינמיטן" וואלט געבליבן ניט געשריבן.

מוז דא אבער נאכאמאל אונטערשטראכן ווערן, אז עס איז ניט בלויז קונצנמאכעריי, נאר גאר אפט איז עס שפּראך־מייסטערשאפט בפועל ממש, מיט וועלכער לוצקי קויפט אונז אפּ. עס בלייבט אמת, אז לוצקיס הויפּט־מעלה — א הויפּט־מעלה — איז זיין ווארימער שפּראך־געפיל. ער האט זיינע אידישע ווערטער האלט. און זיי גיבן זיך אים, און איינע צו די אנדערע, אין האלט־האבן. זיי בא־העפטן זיך ניט, סיידן זיי האבן זיך האלט. זיי בינדן זיך אין נאטירלעכסטער צוזאמענגעבונדנקייט.

„אט א בערגל דיר אינמיטן — פליס פארביי און אויסגעמיטן"

„אט א שפּענדל אויף דיין רוקן — נעם אים מיט און זאל ער קוקן". (פון פערטן ליד פון „וואסערפאל")

א חוץ נאטירלעכער געבונדנקייט, נאטירלעכן שפּראך־געלאף — א חוץ דעם קעגנזייטיקן וואוילגעפיל פון די ווערטער — איז דא עפּעס נאך מער אין לוצקיס שפּראך־מיטלען. שפּראך־אויסדרוק שטאמט דאך אויך — אין באגינען — פון חושים־איינדרוק. אויסדרוק און איינ־דרוק זיינען לכתחילה איינס. לוצקיס שפּראך־אויסדרוק

איז אין זיינע ווארצלען פארבונדן מיט זיין גרונט־נייגונג צו פאנטאזירנדיקער פארבילדלעכונג: עס איז גלייך פון אנהויב איינדרוק, וואס וויל אויפגעשפילט ווערן דורך מעשה. — פאר א באווייז, אז זיין שפראך איז אייגנטלעך ווי זיין גאנץ ליד, נעם איך א פאר שורות פון לוציקס אן ערשט בעסטן ליד:

„מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאנען".

(גרויס געזאנג אין מירדיי — פון
„אומעטיק און פריילעדיי, ז. 134)

אויב אזוי, איז ווען עס טרעפט, אז דער אינספירינדיקער איינדרוק, וואס האט געגעבן שטויס צום ליד, האט זיך אויסגעשעפט; דער געבורטס־טראפן פון דער געזאלט זיין מעשה אויפן איינדרוק האט זיך אויסגעבלאזן, און לוציקי דארף זיך באדינען מיט שפראך אליין — קאן ער זיך פאר א ווײַלע אויף איר פארלאזן, אז זי וועט זיין אנגעפינקלט מיט דעם ניצוץ פון דער פאנטאזיע, וואס האט געזאלט זיך ארײַנשפילן אין דער מעשה אויף צו קרוינען דעם איינדרוק.

אזוי אין „וואסערפאל", ריידנדיק צום צעשפרייטן וואלקען פון וואסער שטויב:

„און האגלעך וואס שנעלן. און כמארעס וואס פארשטעלן. און רעגנדלעך־מאמזעלן וואס טאנצן אין קאדרעלן. און שנייעלעך־נאדלען וואס פאלן און צעמעלן"

עס בלעזלט זיך מעשה, און פארויסלויפנדיק דעם „וואסערפאל" אין דער צוקונפט אריין:

„וועסט נאך אן א שיר געפינען. דא א שפיל און דארט א זינען. דא פארלוירן, דארט געוואונען. דא פארזאמלט, דארט צעשוואומען. דא געגעבן, דארט גענומען".

איך האק דא איבער, ווייל וואס ווייטער, טריקנט זיך דער איינדרוק אלץ מער איין און קוועטשט ארויס פון זיך אן „אידייע", וואס איז דער ווייטסטער אפהילך פון דעם רעטענישדיקן איינדרוק פון „וואסערפאל" — און די שפראך־בריהשאפט, וואס האט אים גאנץ געשמאק גענדינט אין אנהויב ליד, גייט איבער אין קונצנמאכעריי באם סוף ליד:

„א נעלויף פון אייביק פליסן. א געפליס פון וועלן וויסן. וועלן וויסן צו דערוויסן. אינם פליסן איז געניסן. אינם זוכן איז דאס וויסן".

פאר דער חכמה פון מוסר השכל — אינם זוכן איז דאס וויסן — איז דער גאנצער הארמידער פון „וואסערפאל" הייסט עס? — אזוי אויך אין צענטן ליד פון „וואסערפאל":

„הויב זיך אויף און שפרינג אריבער. — שטערן שיינען נאר פון איבער. גיב א גלאנץ און גיב א פיבער. טו א טאנץ און קער זיך איבער".

האק איך איבער, ווייל עס פארענדיקט זיך מיט קונץ־געמאכטער „אידייעכץ":

„אין געאייל — איז ליבער טריבער. אויף דערווייל — איז טריבער ליבער. אלע ווייל — א ניי פאראיבער".

אף אזעלכע שטעלן פון „פאראידייעכטער" אימפרעסיע־שאלעכץ — אויף „אידייעכץ" מיט איר אומפארמיידלעכער באגלייטערין, שפראך־אקראבאטיק, — וואלט דער „וואסערפאל" א רגע זיך ניט געקאנט האלטן; ער וואלט גלייך געפאלן פלאך צו דער יבשה. האלטן האלט ער זיך אויף יענע פאסאזשן, וואו לוציקס נאטירלעכער שפראך־שטראם האט פאר זיינע אנהאלטן זאכלעכע אויג־און־אויער־אימפרעסיעס. איז דער „וואסערפאל" לכל הפחות געגוג גוט פאר דעקלאמאציע. איז דאך דא א גאנצער וואסערפאל אויף צו זעטיקן די חושים. ווי זשע אבער איז דער דין מיט יענעם שטאף, וואס איז כולי אידייעכץ, הוילע אבסטראקציע, פון וועלכער עס איז ארויסגעפרעסט די גאצע חושים־זאפט? און דער שטאף מאכט דאך אויס איבער א העלפט פון בוך...

(די ארײַנפירן אליין פארנעמען איבער א דריטל פון בוך; און א העלפט פון די „גערהיימען", כמעט די גאנצע סדרה „רעלאטיוון", און טאקע די גאנצע סדרה: „ויהי באחרית הימים").

בלייבט נאך א ווארט צו זאגן וועגן די דריי איבעריקע סדרהס. די סדרה „געהיימען". וואס גייט פארויס די צוויי „קאמפן" — און די צוויי וואס קומען נאך זיי — „רעלאטיוון" און „ויהי באחרית הימים".

ווייניקער געפלאנטערט, ווייניקער געפלאכטן, ווי די האריקע וואלקן־קראצערס — די ארײַנפירן — אבער צו דער קלארער, דורכזיכטיקער זאכלעכקייט פון די „קאמפן" קומען זיי ניט, הגם די צווייטע העלפט פון די „געהיימען" — וועגן בוימער, עפל און בית עולם — איז נאענט אין כאראקטער צו די „קאמפן".

די ערשטע העלפט פון די „געהיימען" באשטייט פון קורצע חכמה'ס, פסוקים־אפאריזמען, וואס די געהיימנישקייט זייערע לאזט זיך אפלעקן מיטן שפיץ פון שפיץ־צונג. פארזוכט:

„אוואו מען קאן ניט זען, ווערט". — „דרויסן וואוינט ניט אויף דער גאס". — דאס פנים פון דער זון איז ניט צו זען". — פונדעסטוועגן פארוואלגערן זיך צווישן די פסוקים אפאריזמען, אין וועלכע דער פאפולערער צייטונגס־ארטיקל איז פארקיילעכדיקט געווארן מיט א שפיץ:

„טיף אין הימל איז די זון — א תהום פון חושך. א בליאסקעדיקער פחד".

ניט וויסנשאפט און ניט פילאסאפיע, און אוודאי ניט קיין טייל פון א פילאסאפישן וועלט־סיסטעם. אפילו ניט פון סיסטעם „בראשית אינמיטן", נאר א פיינער לוציקי־בליק איז דאס ליד־פסוק:

„די לבנה שווימט אין הימל ניט צו לאזן עלנטן די ערד. ניט דערלאזן מרה שחורה אויף דער ערד".

אז ער האט דעם פאפולער־וויסנשאפטלעכן ארטיקל ניט דערלייענט ביזן סוף, איז צו זען פון ליד־פסוק: —

„פלאנעטן וואגלען אין די ספערן מיט דערווארטונג אויף בראשית" — דאס מיינט מען מסתמא נאך ניט באשאפענע פלאנעטן, אין צעשמאלצענעם אדער גאזפארמיקן

צושטאנד, און וואס זיינען דארום נאך גאר קיין פלאנעטן ניט. אבער ווער פארלאנגט וויסנשאפט פון לוצקין? — אפאריזמען זאל ער געבן; אפילו די שוואכערע פון זיי זיינען א טרייסט און א דערלייכטערונג קעגן די אריינפירן, כאטש צו לוצקיס לידער קומען זיי ניט.

אין זעלביקן נוסח ווי די „געהיימען" זיינען די צוויי לעצטער סדרה'ס: — דער איינשטיינישער „פארמעסט" — לוצקי'ס רעלאטיוויטעטן. — אויף אנצוקוקן זיי:

„פלאך איז אויבעט טיף. טיף איז אויבנאויף. א טאל איז אויך א בארג. יעדער פארויס — איז צוריק. צוריק איז אויך א פארויס. ווייט איז נאענט. ווילד איז מילד. אומעטום איז אויבנאן. א טראפן איז בא זיך א ים. דער טיפסטער זין איז אפשר סתם".

אבער עס האט געמוזט זיין ניט קיין גענוג פאפולערער צייטונגס-ארטיקל, פון וועלכן לוצקי האט ארויסגעלייענט: — „דאס פלאכסטע פעלד — איז אונטן תהום. אונטער תהום — איז ווידער רוים. אונטער רוים — איז ווידער גרונט" — דאס פארהעלטניש דא צווישן תהום — רוים — גרונט — איז מטושטש. עפעס שטאמט עס פון יענער קליין-שטעלדיקער צייט, אײדער — אײדער קינדער האבן געלערנט געאגראפיע, און אלע האבן אומשולדיק געגלויבט, אז די ערד איז פלאך און פארנעמט דעם גאנצן שטח פון וועלט-רוים. אבער מוחל! איך פארגלייך עס מיט די אריינפירן, און דער געדאנק קוקט מיר אוים ווי א פערל.

און די געוואלטיקע דעראבערונג פון „והיה באחרית הימים" — אז די מענטשהייט וועט געשלאגן ווערן אויפן זכרון, און וועט פארגעסן די גאנצע וועלט-געשיכטע, און לוצקי וועט זיך דארפן מטריח זיין נאכאמאל די וועלט צו באשאפן, און דאסזעלביקע וועט זיך איבערחזרן נאכאמאל — א גרויסער געווינס פאר אונז אלעמען — און דאס אלץ!

***

אין סך הכל: — א דריי-פיר צענדליק לידער און א וואסערע אנדערהאלבן הונדערט פסוקים-אפאריזמען דארפן ארויסגעראטעוועט ווערן פון זייער געפאנגענשאפט בא „בראשית אינמיטן". די לידער באררייכערן היפשלעך דעם רעפערטואר פון לוצקים-אויפשפילן. א צאל פון זיי גלייכן זיך אוים מיט די אויפשפילן פון ערשטן בוך; א צאל שטייגן זיי נאך אריבער. — זיי זיינען אנגעלאדן מיט כונה — צו וועלן זיין מער ווי אונטערהאלטונג און פריילעך-מאכונג. דער פארנעם איז ברייטער; דער בליק איז טיפער — נעענטער צום הארץ פון די זאכן. זיין בליק שעפט אן וועלט-געפיל. לוצקי זוכט וועלט-אפשפיגלונג און ער איז אפן אויפצונעמען וועלט-אויפרודערונג.

זיין שפארד-אינסטרומענט, דינענדיק א ברייטערן און טיפערן ציל — איז אויך שארפער, כאפנדיקער, פילנדיקער געווארן. אבער דערזעלביקער שפראך-אינסטרומענט, וואס דינט אים אזוי גוט, איז אויך זיין פארפירער געווען. נאך אין „אומעטיק און פריילעך" האט דער אינסטרומענט צייטנווייז זיך דערלויבט „בראשית-אינמיטנדיקע" שטיק. — ליב געהאט א קאקעטיר צו טאן מיט פראזע, וואס האט אידייאישן לאקיר — אנשטאט צו פארלעבעדיקן איינדרוק מיט באוועגונג:

„איך וויל ווערן. איך ווער פארצערט פון וועלן ווערן". („גרויס געזאנג אינמיררי — ז. 134).

„יעדער סוף — פארשטומט. יעדער סוף — פארפרומט. יעדער סוף — פארדומט"

(„איך וויל ניט שטילקייטיי — ז. 135).

„א פליג ראשט פארביי: זשזושזט און זשומט אין מיר אריין די ווילד — פון אײדער דער וועלט" —

(„אויף די פעלדעריי — ז. 219).

„תוהו ובוהו האט געוואלט ווערן אוים תוהו ובוהו האט זי געוואיעט איבער אלע וויסטן" —

(„די ערשטע פידעליי — ז. 232).

„א דורתדיקער טאנץ פון אמאל. פון א טאל. אלע אמאלן — אין טאלן. אלע אמאלן — לעבן" —

(„איבער דער חתונהיי — ז. 294).

„ס'איז אים איבער... ס'איז אויף אים אן עיבור... א חיבור" — (ביים רבינס טישיי — ז. 304).

דאס זיינען דייטלאכע „מעשי - בראשיתדיקע" סימנים. דא איז גאנץ באשטימט דער אורשפרונג פון „בראשית אינמיטן". אלס אידייען-איינשפריצן אין א בילד-שפיל זיינען זיי ניט אויסערן פלאץ. — זיי גיבן אריין גאנץ אײדעלע אויגנבליקלעכע דיסאנאנסן. — אין „דער ערשטער פידעל" איז דער „תוהו ובוהו"-אויפשאם גרויסארטיק אריינגעפאסט אין דעם אויבערקלאנג פון פידלערס שפילן. — עס איז זיכער א טענדענץ געווען בא לוצקין צו צילן מיט בילד-און מעשה-אויפשפיל צו אן אידייע אין הימל. —

אין צווייטן בוך איז אט די טענדענץ אויפגעשרויפט געווארן ביז צו א מאניע; ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ, אז ער איז פון בארוף אן „אידייען-הימלער", א הימל-קראצער-פילאסאף, — און זיין געהארכזאמער אינסטרומענט האט אים נאכגעפאלגט אין דער מאניע; האט נאך פארשטארקט זיין גלויבן-אבערגלויבן, צונאגלענדיק זיין שפיץ-קאפ צו געהימלטע אבסטראקציעס. — לוצקי האט די ליבע שוואכקייטן פון זיין ערשטן בוך פראקלאמירט פאר „מעלות" — און די „מעלות" זיינען געווארן די גרויסע חסרונות פון זיין צווייטן בוך. זיי זיינען שיר ניט געווארן דער קבר פאר זיין הויפט-מעלה — פאר זיין פאנטאזירנדיקער פארלעבעדיקונג פון זאכלעכע אימפרעסיעס.

וואס איז דער אויסוועג פאר לוצקין? — גרייטקייט און ווילִיקייט צו א ברייטערן און טיפערן וועלט-באנעם איז זיכער א געווינס; און א געווינס איז א געווינס, און מען טאר זיך פון אים ניט אפזאגן. די פראגע איז נאר צי האט מען מיט וואס אויסצעפילן דעם ברייטערן און טיפערן וועלט-באנעם?

ווען ער וואלט זיך ניט באנוגנט מיט אנטאן אויף

זיך די מאסקע פון א רבי־תורה־זאגער, אדער פון א פילאסאף־ווערטל־זאגער; ווען ער וואלט ניט געזוכט יוצא צו זיין מיט געלידעלטער פאפולאריזאציע פון ציימונגס־ארטיקל; נאר ער וואלט באמת זיך טאקי פאראינטערעסירט מיט פילאסאפישע, מענטשלעכע און סאציאלע פראבלעמען; ווען ער וואלט אין פולן ערנסט זיך דורכגעדרונגען און אויפגערודערט געווארן מיט וועלט־ווי און וועלט־זארג; ווען ער וואלט גענומען אויף זיך א דינסט — לאמיר זאגן דעם פראלעטארישן דינסט — און וואלט אנגעשטעלט דערויף זיין טייערן שפראך־אינסטרומענט, וואס פארבילדלעכט, פארלעבע־דיקט און פורעמט איבער אין פאנטאזיע־שפיל איינדרוקן און אידייען — ווען ער וואלט! . . .

און ווען ער האלט, אז זיין באַרוף איז צו געבן די מענטשן פרייד — פשוטע מענטשלעכע פרייד — זאל ער געבן פרייד; און ניט איילן צו פארביליקן און פאר־וואולגאריזירן די פרייד. זאל ער ניט אפקומען גרינג!

לוצקי זאגט אויף זיך: — „איך בין דא צו מאכן שפיל פון עיקר" — הלואי וואלט געווען אזוי; דערווייל מאכט ער פון עיקר א שפילכעלע, — אדער פארקערט און נאך ערגער: ער מאכט אן עיקר פון א שפילכעלע!

---

אלטער עסעלין

# לידער פון א בוכווארם צו גאט

## דימיטרי

דימיטרי קאראמאזאוו האט זיך שפעט דערקענט
סארא לאנגן ווען און סארא מאדנעם גאנג
דורך ספירט, ווייב און הארטע תפיסה־באנק.
ער האט זיך דורכגעריסן ווי דורך פייער־ווענט, —
דאס הייליקע ביטעלע מינץ אויפן האלדז,
דעם (האלב בארעכטיקטן...) פארשוועכטן כיבוד אב —
ווי ער וואלט געשלעפט א העלפאנד אויפן קארק,
וויפיל מאל ארויף־אראפ און וויפיל מאל זיגזאג.
הינטער אים — אליאשינקא און פאטערל זאסימא.
אין אוניסאן — די קושן פון א שלוכצענדיקער פרוי,
נאר דימיטרי איז געגאנגען און געקומען א ל י י ן,
ווער עס וויל קאן ציילן זיינע טריט אף רויטס
ווי פון א בארוועסן אף צעשטויסטן גלאז.
ווי וואויל ער האט געוואוסט:
צו זיך מוז מען גיין אליין. —
ווי שלינגען מיט דער קעל,
ווי ליפלען מיט א פרוי . . .
און ער האט זיך דערגרייכט מיט אלע אוברים זיינע,
צי האט ווער געהערט אזא הדו לאדוני?
סארא פרייד אף אים ווען ער האט זיך דערזען:
— נא, לאמבארדער, אט האסטו אלץ צוריק,
דיינס און — מיינס אויך, גאנץ און פייער־ריין.
און ער האט גערעט הויך און קלאר,
און ער האט גערעט שטארק און אפן ווי א בוימבראד,
א — איך הער נאך איצט זיין מעכטיקן טענאר
ווי אן עכא פון דעם סיני־דונער.

## דריי גראציעס

ווען איך פארמאג בעטהאוונס בעטון
וואלט איך אויפגעשפילט די פריילאכסטע יללה,
איך וואלט באשטעלט א דריי־בינע פון עמבער
דראפירט מיט ווייכן דורכזיכטיקן לעווענדער,
אין דער מיט — א שווארצן פעדעסטאל,
אויף אים — די ליבסטע גראציעס מיינע דריי:
די סענסועלע זעל פון עמא באווארי
די יסורים'דיקע טעם פון דובראוויל
און די לב־שמים'דיקע אנא קארענינא. —
זאלן זיי זינגען דאס ליד פון אומשטערבלאכקייט,
הויך־גרוים־טיף געזאנג צו די
וואס איז איבער דיר.
דערנאך, דיין ענטפער צו זיי אלעמען;
דיין פינגערן צום עניגמאטישן אראפ,
קיין אנטרינונג איז ניטא, —
(דער נביא פון טארשעס איז אויך ניט ווייט געלאפן,
פארן שפענצער האסטו אים צוריקגעבראכט)
פון דאנען הויבט מען אן:
טראט נאך טראט.
ביים impass בלייבט מען שטיין, —
אראפ. —
און אז דער טרויער וועט א ביס טאן מיט אלע ציין
איז דאס נאזטיכל צום מויל
און שא.
איצט, דא, אפלאדירט מען ניט.

## פייער פליגן

ווען איך בין אזוי וויכטיק ווי שעקספיר
וואלט איך אייפעריק דערמאנט
(אן פאמפ און אומשטאנד)
די, וואס זענען דא כאטש האלב געווען,
געפינצטערט אין דער זון,
געבלענט דעם קורצן צאנק —
ווי פייער־פליגן — צעטרענצלט גאלד און גראז.
ווייסט דער גוטער יאר פארוואס
זיי גייען ניט אריין אין די אנאלן
פון ספערם און מיקראב;
זיי האבן דאך דיר אויך געצאלט
מיט ז י ך.
פארוואס? — אפילו פרעגן ניט געוואלט.